# משיחת ש״פ שלח תש״ל

ד. בהמשך להמדובר לעיל (בהמאמר), וועט מען זיך שטעלן אויף דער רש"י אין אונזער סדרה, קאפיטל י"ד פסוק ט', וואס דארטן שטייט: "סר צלם מעליהם וגו'" - וואס דאס איז דער דריטער ד"ה שבפרש"י אויף דעם פסוק; און פאר דעם זיינען פאראן נאך צוויי ד"ה בפרש"י, איז וויבאלד מ'האלט שוין ביי דעם פסוק וועט מען ריידן אויך אויף די ערשטע צוויי ד"ה, "אל תמרודו" און "כי לחמנו הם".

רש"י שטעלט זיך אויף "אל תמרודו" און איז מפרש: "ושוב ואתם אל תמרודו" (אדער ווי א צווייטע גירסא "ושוב אל תמרודו" - אן דעם ווארט "ואתם").

לערנען מפרשים אז רש"י וויל דא זאגן, אז מ'זאל ניט מיינען אז דאס זיינען צוויי באזונדערע ענינים; (א) "בה' אל תמרודו", און (ב) "ואתם אל תיראו את עם הארץ" - נאר ס'איז איין זאך, אז אויב עס וועט זיין "אך בה' אל תמרודו", וועט עי"ז בדרך ממילא זיין (וואס דאס איז דער טייטש פון "ושוב") "ואתם אל תיראו וגו'".

דא ווערט אבער גלייך ניט מובן:

א) וויבאלד אז מ'קען לערנען אז "אל תמרודו" און "אל תיראו" זיינען צוויי באזונדערע ענינים, (וואס דערפאר דארף רש"י דאס באווארענען, און זאגן אז ס'איז איין זאך), איז פון וואנעט ווייס טאקע רש"י אז די זיינען ניט קיין צוויי באזונדערע זאכן?

זיינען פאראן מפרשים וואס זאגן אז רש"י'ס הכרח איז פון דעם שינוי הסדר וואס אין דעם פסוק: ביי "אל תמרודו" שטייט פריער אין וועמען עס זאל ניט זיין, און דערנאך שטייט וואס זאל ניט זיין - "בה' - אל תמרודו", דאגעגן ביי "אל תיראו" שטייט פריער וואס זאל ניט זיין, און דערנאך שטייט פאר וועמען מ'זאל ניט מורא האבן - "ואתם אל תיראו - את עם הארץ". ולכאורה האט דאך איןביידע ערטער געדארפט שטיין אין זעלבן אופן: אדער פריער די פעולה

- און -

און דערנאך וועגן וועמען ס'רעדט זיך, אדער פריער וועגן וועמען ס'רעדט זיך און דערנאך די פעולה?

פון דעם זיינען זיי מכריח אז וויבאלד דער פסוק זאגט דאס ניט אין אזא סדר, נאר ביי "אל תמרודו" שטייט "בה'" פריער, און ביי "אל תראו" שטייט "את עם הארץ" שפעטער, איז מובן אז "אל תמרודו" און "אל תיראו" זיינען איין זאך.

מ'קען אבער אין רש"י אזוי ניט מפרש זיין, ווייל אויב זיין הכרח וואלט געווען פון דעם "בה'", און "עם הארץ", וואלט ער געדארפט מעתיק זיין אין זיין ד"ה, די ווערטער "בה'" און "את עם הארץ" – און וויבאלד רש"י איז זיי ניט מעתיק, און ער איז זיי אפילו ניט מרמז מיט "וגו'", איז פארשטאנדיק אז רש"י'ס הכרח איז ניט פון אט די ווערטער, נאר פון די ווערטער "אל תמרודו" און "אל תיראו" אליין.

ולכאורה וואו איז דער הכרח אז ביידע זיינען איין ענין? ואדרבא, עס איז גאר משמע אז זיי זיינען צוויי באזונדערע ענינים:

"אל תיראו" האט מען דאך געדארפט באווארענען ביי אלע אידן, משא"כ "אל תמרודו" האט מען ניט געדארפט באווארענען ביי רוב אידן, ווארום ביי רוב אידן איז ניט געווען קיין מרידה בה', ווי מ'זעט אז די אידן האבן אליין געזאגט "ה' מביא אותנו אל הארץ הזאת" (יד,ג), [און דאס וואס רש"י זאגט אז "נתנה ראש" איז "לשון של עבודה זרה", איז דאס בלויז א צווייטער פירוש, משא"כ לויט דעם פירוש (הראשון) עיקרי איז דאס ניט קיין עבודה זרה].

במילא, וויבאלד אז "בה' אל תמרודו" האט מען ניט געדארפט באווארענען ביי אלע אידן, משא"כ "אל תיראו" האט מען געדארפט באווארענען ביי אלע אידן, לייגט זיך לכאורה צו זאגן אז זיי זיינען צוויי פארשידענע ענינים; איז פון וואנט נעמט רש"י צו זאגן אז דאס איז איין זאך?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "כי לחמנו הם" און איז מפרש: "נאכלם כלחם".

איז לכאו' ניט מובן:

ב) וואס איז דער חידוש און אויפטו פון רש"י אז "לחמנו הם" מיינט "נאכלם כלחם"? ס'איז דאך ניטא קיין אנדער שייכות פון א מענטש מיט ברויט, חוץ פון דעם ענין האכילה, איז וואס טוט אויף רש"י אז "כי לחמנו הם" מיינט "נאכלם כלחם", דאס איז דאך אליין פארשטאנדיק?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "סר צלם" און איז מפרש: "מגינם וחזקם" ד.ה. אז "צלם" מיינט "מגינם וחזקם", ע"ד ווי א צל איז מגין פון שמש, אדער ווי אנדערע מפרשים זיינען מסביר אזוי ווי א גבור טראגט א מגן וואס איז מגין אויף עם, עד"ז איז אויך דא דער פי' אז "סר צלם", די וועלכע זיינען מגין אויף זיי.

און רש"י איז ממשיך, אז דאס מיינט: "כשרים שבהם מתו",

ווארום דער קינד האט שוין געלערנט פריער (וירא יח,כג ואילך) ביי דער מעשה פון סדום, אויב עס וואלטן דארטן געווען צדיקים וואלטן זיי מגין געווען אויף דער גאנצער שטאט, (אפילו ביי סדום, וואס זיינען געווען "רעים וחטאים לה'" (לך יג,יג)) איז עד"ז וואלטן דא די כשרים געקענט מגין זיין אויף זיי, דערפאר האבן זיי געזאגט אז מתו, זיי האבן זיך געפעלט.

דערנאך איז רש"י ממשיך, אז דאס איז געווען "איוב שהי' מגין עליהם", וואס איוב איז דאך געווען א צדיק, און ווי די גמרא אין בבא בתרא (טו, ב ואילך) איז מאריך אין די מעלות פון איוב, ובמילא האט ער געקענט מגין זיין אויף זיי, און איצטער איז געווען "סר צלם", אז איוב האט זיך געפעלט.

איז דא ניט מובן:

ג) פארוואס זאגט רש"י אז דאס מיינט איוב? וואס איז נוגע צו וויסן ווער האט מגין געווען אויף זיי, צי איוב צי א צווייטער? און אויב דאס איז ווייל די גמרא (שם,א) זאגט אזוי, וואלט עס רש"י ניט געדארפט זאגן דא ווארום די גמרא זאגט דאס ניט אויף דעם פסוק; די גמרא זאגט טאקע אז איוב "מגין על דורו" די גמרא ברענגט דאס אבער ניט אויף דעם פסוק "סר צלם" נאר אויף א פריער-דיקן פסוק: "היש בה עץ אם אין", וואס דאס מיינט דאך צי עס איז דא אן אדם כשר ביניהם וואס קען מגין זיין אויף זיי, טייטשט אפ די גמרא אז דאס מיינט איוב; (און באותו היום מת איוב, ווי די גמרא זאגט (סוטה לה,א))

זעט מען אז רש"י בשעת ער איז מפרש דעם פסוק "היש בה עץ אם אין", זאגט ער "אם יש בהם אדם כשר שיגין עליהם בזכותו" [וואס דארטן קען רש"י ניט לעדנען "כשרים" לשון רבים, ווארום אין פסוק שטייט דאך ניט "עצים" נאר "היש בה עץ", דערפאר זאגט רש"י "אדם כשר"], רש"י זאגט אבער ניט אז דאס איז געווען איוב; איז מה-דאך אז אויף דעם "היש בה עץ" (אויף וועלכן די גמרא זאגט אז דאס מיינט איוב), זאגט רש"י סתם "אדם כשר", איז דאך כש"כ דא א ודאי האט ער ניט געדארפט זאגן אז דאס מיינט איוב?

און מ'קען ניט זאגן אז רש"י ווארט ביז דעם פסוק וואו עס ווערט דערציילט אז ס'איז געווען "סר צלם" בפועל, און ניט ביי דער שאלה פון משה רבינו "היש בה עץ", ווארום ע"פ פשטות דארף דאס שטיין ביי דער שאלה ווארום אויב מ'ווייס דאס ניט ביי דער שאלה האט ניט קיין ארט אז מ'זאל דאס זאגן ביים סוף. האט דאך לכאו' רש"י געדארפט זאגן "כשרים שבהם מתו"?

ד) ס'איז א סתירה: פריער זאגט רש"י דעם לשון "כשרים שבהם מתו", מיט א לשון רבים, ד.ה. אז עס זיינען געווען כמה אנשים כשרים, און דערנאך פירט אויס רש"י אז דאס מיינט בלויז איוב?

ה) וויבאלד אז עס זיינען געווען כמה אנשים כשרים, איז וואס איז אז איוב האט זיך געפעלט, די אנשים כשרים זיינען דאך געבליבן און זיי האבן געקענט מגין זיין אויף זיי? מוז מען דאך

– זאגן –

זאגן אז די אנדערע האבן אויך געשטארבן, אע"פ אז מ׳ווייס ניט זייערע נעמען, מוז מען דאך זאגן אז די אנדערע אנשים כשרים האבן אויך געשטארבן, איז דאך לפי"ז נאך מער ניט מובן, פארוואס דארף רש"י אראפברענגען דעם נאמען איוב? פונקט ווי די אנדערע אנשים כשרים, כאטש מ׳ווייס ניט ווער זיי זיינען געווען, מוז מען דארך זאגן אז זיי האבן איצטער געפלט, איז אזוי אויך ניט נוגע צו וויסן אז איוב האט געפעלט, עס וואלט געווען גענוג אז רש"י וואלט געזאגט סתם אז כשרים שבהם מתו?

דערנאך ברענגט רש"י ד"א, א צווייטער פירוש, אז וואס מיינט מען סר צלם, "צלו של המקום סר מעליהם", ניט די אנשים כשרים וועלכע האבן מגין געווען אויף זיי, נאר דאס מיינט צלו של מקום.

איז ניט מובן:

ז) פארוואס איז דער ערשטער פירוש ניט מספיק וואס רש"י דארף אנקומען צו א צווייטן פירוש? און אויב ער דארף אנקומען צו א צווייטן פירוש, האט ער געדארפט זאגן בלויז דעם פירוש שני, און בכלל ניט אראפברענגען דעם ערשטן פירוש? מוז מען דאך זאגן, אז דער ערשטער פירוש אליין איז ניט מספיק, וואס דערפאר דארף מען אנקומען צו דעם ד"א, און דער ד"א אליין איז אויך ניט מספיק וואס דערפאר דארף מען האבן דעם ערשטן פירוש; ואדרבא: דער ערשטער פירוש איז מער קרוב אל הפשט וואס דערפאר ברענגט ער דאס אלס פי פירוש ראשון.

[און מ׳קען ניט זאגן אז דאס וואס ער ברענגט דאס אלס פירוש ראשון איז דאס ווייל מ׳קען ניט זאגן "זכור ושמור בדבור אחד", אבער ניט מצד דעם וואס דער ערשטער פירוש איז מער קרוב אל הפשט - ווארום אויב אזוי האט רש"י געדארפט זאגן ווי ער זאגט בכמה מקומות, יש כאן שתי פירושים, אדער בג׳ מקומות נכתב וכיו"ב, איז וויבאלד רש"י זאגט סתם איין פירוש, און דערנאך איז ער מוסיף ד"א, איז דאך מובן אז דער פירוש הראשון איז מער קרוב אל הפשט, וואס דערפאר ברענגט ער דאס אלס ערשטר פירוש, און דער ד"א איז ווייטער פון פשט].

וכפי שיתבאר לקמן אט די אלע דיוקים, און ווי זיי אלע זיינען מובן אין פשטות הכתובים, וואס דאס איז דאך דער דרך פון רש"י ווי ער אליין זאגט, "ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

ג. בנוגע צו פירוש רש"י, איז דא שווער אין פסוק: פארוואס האבן יהושע וכלב געדארפט איבער'חזר'ן דעם גאנצן ענין נאכאמאל? זיי האבן שוין געזאגט איין מאל. אז מ'וועט קענען איינעמען א"י - "עלה נעלה", איז וואס האבן זיי דאס דא געזאגט נאכאמאל אז מ'זאל ניט מורא האבן און מ'וועט קענען איינעמען דאס לאנד? און

אויב דאס איז צוליב זאגן "טובה הארץ מאד מאד" וואס דאס האבן זיי פריער ניט געזאגט, האבן זיי געקענט זאגן-נאר דאס, אז "טובה הארץ מאד מאד" ובמילא זאל מען גיין קיין ארץ ישראל, פארוואס האבן זיי איבערגעחזר'ט אז ס'איז ניטא וואס צו מורא האבן?

וואס דערפאר זאגט רש"י אז מיט דעם זאגן "אך בה' אל תמרדו ואתם אל תיראו" האבן זיי אויפגעטאן א נייעם ענין וואס-זיי האבן פריער ניט געזאגט, אז אויב נאר עס וועט זיין "אל תמרדו" איז במילא "אל תיראו" און מ'וועט קענען איינגעמען-דעם לאנד אין אן אופן פון <u>לחמנו הם</u>, אז מ'וועט גארניט דארפן טאן,

און דערפאר שטייט'דא <u>אם</u> חפץ בנו ה', וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק וואס האבן זיי געזאגט <u>אם</u> חפץ,-דער אויבערשטער וויל דאך זיכער? נאר דא האט מען אויפגעטאן אז עס קען זיין אין אנאנדער אופן לגמרי, און ווי מ'זעט אז אפילו נאך דעם וואס עס איז געווען דער חטא המרגלים האבן די אידן נאך אלץ איינגענומען א"י, דאס איז אבער געווען פארבונדן מיט א גאנצע טרחה, אז מ'האט געדארפט בלאזן שופר, און גיין מיט'ן ארון ה' און מלחמה האלטן, וואס דאס איז אן ענין של טרחה,

דא האט מען אבער געזאגט, אז אויב נאר עס וועט זיין "בה' אל תמרדו", דעמאלט וועט מען מנצח זיין אין אן אופן פון "לחמנו הם", אז מ'וועט ניט האבן קיין טרחה אין דעם מלחמה, וואס דאס איז דער ענין-פון לחם, בשעת אז ס'איז.דא ברייט דארף מען זיך נאר אוועק זעצן עסן, מ'דארף גארניט טאן דערצו, וואס פאר דעם וואס מ'האט די ברייט דארף מען דורכגיין א גאנצע טרחה פון באקען, ועה"ז בשעת מ'האט רייע פלייש דארף מען דאס קאכן, בשעת אבער מ'האט פארטיקע-און שוין געבאקענע ברייט, איז דעמאלט איז ניטא קיין טרחה, מ'דארף דאס נאר עסן,

וואס דאס איז נאך מער אפילו פאר דעם וואס כלב האט פריער געזאגט, וואס פריער האט כלב געזאגט עלה נעלה, און ווי רש"י זאגט "עשו סולמות", איז דאס אבער פארבונדען מיט א טרחה פון מאכן סולמות, דא האט ער געזאגט נאך מער, "לחמנו הם", עס וועט ניט זיין אין דעם קיין שום טרחה, ניט דער-פשט אז עס איז דא א שטארקערע מנגד און א שוואכערע-מנגד און דא וועט זיין א שוואכערע מנגד, נאר עס וועט בכלל קיין מנגד ניט זיין, און דאס איז נאך מער אפילו פאר דעם וואס עס שטייט אין בחוקתי אז "ורדפו מכם חמשה מאה", וואס דאס איז אויך אן ענין של טרחה, דא אבער וועט זיין לחמנו,הם, אז נאכלם כלום אן קיין שום טרחה.

און דאס איז רש"י מפרש, אז כלב האט אויפגעטאן אז אויב נאר עס וועט זיין "בה' אל תמרדו", איז דעמאלט וועט זיין, ואתם אל תיראו כי לחמנו הם, אז נאכלם כלהם, און דערפאר איז רש"י מעתיק דעם כי, וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, אויב רש"י איז מפרש נאר די ווערטער לחמנו הם, איז פארוואס איז ער מעתיק דעם כי? נאר ער וויל דא מדגיש זיין אז דאס גייט בהמשך אחד, אז ואתם אל תיראו כי, ווייל <u>לחמנו הם</u> - אז נאכלם כלהם - אן קיין שום טרחה, און דערפאר איז רש"י אויך ניט מעתיק דעם בה' און את עם הארץ, ווארום דעמאלט וואלט דאס מבלבל געווען צו

- די -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

די כוונה וואס רש"י וויל דא ארויסברייננען אז כלב האט אופגעטאן אז אויב בה׳ אל תמרדו וועט מען ניט דארפן מורא האבן ביז אין אן אופן פון כי לחמנו הם, וואס דאס איז אלץ איין המשך, אז נאכלם כלחם.

און דאס איז אויך איינע פון די הסברות פארוואס עס שטייט אם חפץ בנו ה׳, וואס לכאורה דער איבערשטער האט דאך בעזאגט אז ער וויל אזז ווי זאגט כלב אם חפץ בנו? נאר דא האט ער מסביר געווען אז אויב חפץ בנו וועט דאס זיין אין אן אופן פון כי לחמנו הם, משא"כ אויב עס וועט זיין בה׳ תמרדו, איז דעמאלט וועט דאס ניט זיין אין אזא אופן.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "סר צלם" און איז מפרש "מגינם וחוזקם", וואס אין דערויף זיינען פאראן צוויי פרטים, מגינם און חוזקם, וואס מגינם איז אן ענין וואס באשיצט - ניט זיין אייגענע חוזק - ע"ד ווי עס קען זיין א גבור מיט א מגן און א גבור אן א מגן און א חלש מיט א מגן און א חלש אן א מגן, וואס דאס איז אלץ אן ענין וואס באשיצט אים און איז ניט זיין אייגענע חוזק, און דערנאך זאגט רש"י חוזקם, וואס דאס מיינט מען זייער אייגענע חוזק,

דא ווערט דאך אבער ניט פארשטאנדיק, פארוואס עפעס איצטער איז סר צלם? עס האט שוין געדארפט זיין פריער, און ווי דער קינד האט שוין געלערנט ביי דער ברית בין הבתרים האט דער איבערשטער געזאגט ודור רביעי ישובו הנה עד אשר ישולם את עון האמורי, אז נאך פיר דורות וועלן אידן קענען אריינגיין אין א"י וואס דעמאלט וועט נשלם ווערן דער עון האמורי, וואס די פיר דגרות האבן זיך שוין געענדיקט בשעת אידן זיינען ארויס פון מצרים, און בשעת מ׳מאכט א חשבון זעט מען אז פיר דורות האבן שוין געענדיקט בשעת מ׳איז ארויס פון מצרים, איז פארוואס פונקט איצטער "סר צלם" און מ׳וועט קענען אריינגיין אין א"י, דאס האט געדארפט זיין גלייך בשעת יציאת מצרים, און איצטער איז מען שוין געווען בשנה השנית, א יאר נאך דעם וואס מ׳איז ארויס פון מצרים?

איז אויף דעם זאגט רש"י אז "כשרים שבהם מתו", אז ביז איצטער איז נאך געווען דארטן כשרים וועלכע האבן געקענט מגין זיין אויף זיי, און ווי מהאט געלערנט פריער אז "אנשי סדום רעים וחטאים לה׳ מאד", איז פונדעסטוועגן אויב עס וואלט געווען כשרים וואלטן זיי מגין געווען אויפן שטאט, און אזוי אויך בנוגע במעשה ארץ כנען וואס האט ניט געטויגט, אבער אויב עס איז דא כשרים שבהם קענען זיי מגין זיין, און רש"י זאגט דוקא כשרים לשון בים, וואס דאס ווייס מען אויך פון די מעשה מיט סדום, וואס דארטן זאגט רש"י אויף ואברהם שב למקומו, אז ווייניקער פון צען האט אברהם ניט געבעטן, דערפאר וואס ער האט געוואוסט אז ווייניקער פון צען צדיקים וועלען ניט קענען מגין זיין אויף זיי, וואס דערפאר דארף מען דא אויך זאגן כשרים לשון רבים, אז עס זיינען געווען כמה כשרים.

און וויבאלד אז ביז איצטער זיינען געווען כשרים שבהם, האבן זיי מגין געווען אויף זיי אע"פ אז עס איז שוין געווען

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u> - ישולם -

ישולם עון האמורי, און איצטער איז כשרים שבהם מתו - אז די כשרים פעלען - איז דערפאר איצטער סר צלם און מ'קען אריינגיין אין א"י.

דער קינד פרעגט אבער די שאלה, פון וואנעט ווייס כלב אז כשרים שבהם מתו? ער איז דאך נים געוועזן קיין נביא, און ער האט נים געהערט פון משה רבינו, איז פון וואנעט ווייס ער אז כשרים שבהם מתו?

איז אויף דעם זאגט רש"י ווייטער "איוב שהי' מגין עליהם", אז איוב האט געפעלט, און ווי רש"י זאגט פריער (יג,לב) אויף ארץ אוכלת יושבי' היא, אז "בכל מקום שעברנו מצאנום קוברין מתים", און ווי די גמרא (סוטה-לה,א) זאגט אז דעמאלט האט איוב געפעלט, איז קען דער בן חמש למקרא נים פרעגן קיין שאלה פון וואניט האט כלב געוואוסט אז איוב האט געפעלט, כלב איז אליין געוועזן אויף די לוי', וואס איוב איז געוועזן א צדיק גדול, זיינען דאך כלב און אלע מרגלים זיכער געגייגגען אויף דער לוי', האט ער דאך געוואוסט אז איוב האט געפעלט, און פונקט ווי ער האט געזען אז איוב האט געפעלט, און דערנאך האט ער געזען ווי אנדערע האבן געפעלט האט ער פארשטאנען אז די אנדערע כשרים שבהם זיינען אויך מתו, וואס איוב האבן זיי געוואוסט זיכער ווארום ער איז געוועזן א מפורסם בכל הארץ וואס ער האט געלעבט אזוי לאנג, וואס דעמאלט איז שוין געוועזן דער סדר פון והיו ימיו מאה ועשרים שנה אדער אם בגבורות שמנים שנה אדער נאר שבעים שנה, און ער האט שוין געלעבט הונדערט און פערציק יאר, איז ער דאך געוועזן א מפורסם, און אזוי אויך בנות איוב זיינען געוועזן מפורסם בכל מקום, איז בשעת איוב האט געפעלט האט מען גלייך געוואוסט אז דאס איז איוב, משא"כ בשעת זיי האבן געזען אנדערע זיינען געשטארבן האבן זיי - אלץ מרגלים - נים געקענט ביין פרעגן וועד איז געוועזן דער מענטש און צי ער איז געוועזן א כשר צי נים,

כלב האט אבער פארשטאנען אז פונקט אזוי ווי איוב האט געפעלט, און אזוי אויך אנדערע וואס ביז איצטער האבן זיי געלעבט אזוי פיל יארן און פונקט איצטער מתו, האט ער שוין פארשטאנען אז דאס זיינען געוועזן די כשרים שבהם מתו בכדי אידן זאלן איצטער קענען אריינגיין אין א"י, ווארום איצטער דארף דאך זיין א נייע זמן.

און דערפאר נאך דעם וואס רש"י זאגט כשרים שבהם מתו זאגט ער גלייך איוב שהי' מגין עליהם, ווארום דאס איז דער הוכחה אז כשרים שבהם מתו, וזיבאלד מ'האט דאך געוואוסט זיכער אז איוב האט איצטער געפעלט, האט מען פארשטאנען אויך בנוגע די אנדערע וועלכע האבן דעמאלט געפעלט אז זיי זיינען געוועזן די כשרים שבהם, וואס מתו בכדי אז אידן זאלן קענען אריינגיין אין א"י.

און דא זעט מען ווי רש"י בפירושו על התורה נעמט אן צוזאמען צוויי באזונדערע פירושים. אין גמרא (סוטה לה,א), וואס אויף ארץ אוכלת יושביה היא זאגט די גמרא איין פירוש אז דאס מיינט אז וואו נאר אידן זיינען געגייגגען האבן זיי געזען ווי מ'איז קוברים מתים, און דערנאך זאגט די גמרא א צווייטער פירוש אז עס איז נאר געוועזן איין מענטש וואס איז געשטארבן, איוב,

נאר אזוי ווי ער איז געווען א מפורסם זיינען געקומען פון דער באנצער לאנד צו דער לוי׳, וואס מפרשים לערנען אז וויבאלד די מרגלים האבן ניט געוואוסט אז דאס איז איוב האבן זיי געמיינט אז אסאך מענטשן זיינען געשטארבן ווארום צוליב איין מענטש וועלן ניט אלע מענטשן פון דער לאנד קומען, נאר זיי האבן געמיינט אז אסאך מענשטן האבן געשטארבן און דערפאר האבן זיי געזאגט ארץ אוכלת יושביה היא,

וואס רש"י בפשטות הכתובים קענים לערנען אין די ווערטער ארץ אוכלת יושביה היא, אז מ׳איז געשטארבן אין איין אט, ווארום אפילו אויב אסאך מענטשן אין איין ארט האבן געשטארבן איז דאס ניט קיין ראי׳ אויף די גאנצע לאנד אז זי איז אוכלת יושביה, וואס דערפאר מוז רש"י לערנען אז בכל מקום שעברנו דאינו קוברים מתים, רש"י לערנט אבער אויך אז דעמאלט איז איוב געשטארבן, און פון דעם האט שוין כלב געוווסט אז כשרים שבהם מתו וואס דערפאר קען מען איצטער אריינגיין אין א"י.

דער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום אויב מ׳וועט לערנען אז כשרים שבהם מתו, איז ווי קומט דאס אז לאחרי חטא המרגלים האבן די גוים געקענט בלייבן אין א"י נאך פערציק יאר, וואס מ׳איז דעמאלט געווען בשנה השנית איז דאס נאך אכט און דרייסיג און א האלב יאר, אבער ווי קען דאס זיין? וויבאלד אז עס איז שוין געווען ישולם עון האמורי נאך פון יציאת מצרים, און די גוים האבן געקענט בלייבן אין א"י מערנים מצד דעם וואס כשרים שבהם האבן אויף זיי מגין געווען, איז איצטער אז עס איז שוין ניטא די כשרים, איז ווי האבן זיי געקענט בלייבן אין א"י? צו דען אז אידן האבן חוטא געווען בחטא המרגלים האבן גוים געקענט בלייבן אין א"י?

וואס דערפאר לערנט רש"י א צווייטער פירוש, אז צלו של מקום סר מעליהם, ווארום רש"י זוכט אזא ענין וואס לאחרי חטא המרגלים האט דאס געקענט צוריק קומען, וואס צו זאגן אז לאחרי חטא המרגלים זיינען די כשרים צוריק לעבדיק געווארן, דאס איז אן ענין וואס האט קיין ארט ניט אין פשט און ניט אין דרוש, מ׳קען אזוי ניט זאגן, איז דערפאר זוכט רש"י אן ענין וואס מ׳קען זאגן אז דאס האט צוריק געקומען, וואס דאס איז דער ענין פון צלו של מקום, וואס איצטער איז געווען סר צלם מעליהם, אבער לאחרי חטא המרגלים איז דאס צו זיי צוריק געגיינגען וואס דערפאר האבן די גוים געקענט בלייבן אין א"י נאך א ווײלע.

דער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום אויב מ׳לערנט סר צלו של מקום, איז פארוואס איז ביז איצטער איז דאס ניט אגועק? עס האט געדארפט זיין סר צלו של מקום גלייך נאך דעם וואס אידן זיינען ארוס פון מצרים און עס איז געווען דער ישולם עון האמורי?

און אויך איז ניט פארשטאנדיק, אויב דער צלו של מקום איז ניט אוועק גלייך נאך יציאת מצרים, איז פון וואנעט האט כלב געוואוסט אז איצטער איז יע געווען סר צלם? עס קען דאך זיין אז איצטער איז דאס אויך געבליבן?

און דערנאך קומט צו נאך א קשיא, און דער עיקר: אויב מ׳לערנט אז דאס מיינט צלו של מקום, איז וואס איז דער לשון סר



הנחת הת׳ בלהי מוגה

צלם? וואס גלייך פאר דעם שטייט דער לשון אם חפץ בנו ה' און א. אזוי אויך שטייט בה' אל תמרדו, און נאך דעם שטייט וה' אתנו אל תיראום, שטייט דאך אלע מאל דער לשון ה', איז אויב צלם וואלט געמיינט צלו של מקום, האט געדארפט שטיין צל ה'; פארוואס שטייט צלם? איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דא מיינט ניט צלו של מקום נאר צלם פון די וועלכע געפינען זיך אין א"י, וואס דערפאר דארף רש"י ברייגגען אויך דעם פירוש הראשון, ואדרבא דאס איז מער קרוב אל הפשט וואס דערפאר ברייגגט ער דאס אלץ א פירוש ראשון.

און איצטער בלייבט נאר איבער די ענינים פון יינה של תורה, וכפי שיתבאר לקמן.

און איצטער בנוגע די יניקה של תורה שבפירוש רש"י, וואס בכלל זיינען פאראן שני ענינים אין וועלט, וואס ס'דא די ענינים וועלכע מ'קען זיי מברר זיין בפנימיות, און ס'דא די ענינים וואס זיי בלייבן במקיף און מ'קען זיי ניט מברר זיין בפנימיות,

וואס ס'דא ענינים וואס זיי קענען קומען אין א אידשן גוף און זיי קענען ווערן דם ובשר כבשרו פון א אידשן גוף, וואס דער גוף פון א אידן איז א גוף קדוש אין וועלכע דער אויבערשטער האט בוחר בעווען, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא אז ובנו בחרת בייט דאס אויפן גוף, ווארום אין די נשמה איז ניט שייך קיין בחירה, ס'ניטא קיין דמיון צו די נשמה, וואס דער נשמה פון א איד איז דאך א חלק אלוקה ממעל ממש, משא"כ ביי א גוי, אבער אין דעם גוף, וואס דער גוף פון א איד איז דומה בחומריותו ובגשמיותו צו דער גוף פון א גוי, איז אין דעם שייך בחירה,

און בשעת דער דבר גשמי קומט אריין בפנימיות אין דעם גוף הגשמי פון דעם אידן, איז דאס ווערט זיין בירור ווי ער זאגט אין תניא פרק ל"ז אז בשעה ער איז זיך משתמש מיט די ענינים לצורך קיום גופו און דערנאך דינט ער דעם אויבערשטען מיט אט דעם כח, איז ע"ז איז ער דאס מברר,

דערנאך זיינען אבער די ענינים וואס מ'קען זיי ניט מברר זיין בפנימיות נאר זיי בלייבן במקיף,

<u>הנחת הת' בלה"י מוגה</u>

- און -

און דאס זיינען די צוויי ענינים פון כי לחמנו הם און סר צלם, וואס לחמנו הם מיינט דאס אז די ענינים אין וועלכע עס איז שייכות אין זיי א בירור בפנימיות, וואס דאס איז דער ענין הלחם וואס דאס קומט אראפ אין דעם גוף בפנימיות, און דאס איז אויך דער בירור פון קליפת נוגה, ביז אז מ׳קען מברר זיין ג׳ קליפות הטמאות לגמרי ע"י ענין הדחי׳, דאס איז אלץ א בירור בפנימיות, דערנאך איז אבער דא דער ענין פון סר צלם, דעם ענין וואס מ׳קען ניט מברר זיין, איז דאס - "סר", אז די ענינים וועלכע בלייבן במקיף און מ׳קען זיי ניט מברר זיין, איז אין זיי קען מען גארניט אויפטאן. און ס׳איז בלויז וואס סר צלם,

און דא זעט מען א פלא׳דיקע זאך, אז די ענינים וועלכע רש"י מאטערט זיך אויף מברר זיין בפשטות הכתובים, איז דוקא ע"פ קבלה וחסידות איז דאס מובן בפשטות, וואס רש"י מאטערט זיך אויף מברר זיין וואס הייסט לחמנו הם און סר צלם, און ווי דער אור החיים זאגט אז מ׳געפינט ניט דעם אויסשפראך לחם בנוגע למלחמה מערניט ווי אין דברים און אין תהלים, וע"פ קבלה וחסידות איז דאס מובן אז דאס זיינען די צוויי ענינים פון בירור בפנימיות און די ענינים וואס בפנימיות קען מען זיי ניט מברר זיין נאר זיי בלייבן במקיף, איז אין זיי איז פאראן דער ענין פון סר, אז זיי ווערן אוועק ע"י די כשרים, די אנשים כשרים.

און דאס איז ניט קיין סתירה צו דאס וואס ער רעדט אין סוף שערי אורה פון דעם מיטעלן רבי׳ן, שער הפורים, אז מצד דעם ענין פון אחישנה קען דאך זיין אז עס זאל פאלארן גיין ניצוצות, די וואס זיינען בפנימיות איז וועלען נבלע ווערן און די ענינים שבמקיף איז זיי וועלען עולה זיין למעלה, וואס דאס גופא איז דער ענין פון סר צלם, אז מיט עם האט דאס קיין שייכות ניט און דאס איז ניט זיין בירור, נאר דאס איז עולה למעלה, וואס דאס איז ניט ווי דער ענין הבירור וואס קען זיין אין קליפת נוגה און אפילו אין די ג׳ קליפות ע"י הדחי׳, ווארום דאס איז זיין בירור וואס האט א שייכות צו עם, משא"כ דער ענין פון סר צלם, האט דאס איז עולה למעלה און דאס האט ניט קיין שייכות צו עס,

און דאס איז אויך וואס מ׳זאגט אויף אידן השוכן אתם בתוך טומאותם, אז אפילו במצב פון טומאותם, זיינען אידן בפנימיות אלע מאל טהור, אז בשעת מ׳רעדט וועגן תוך טומאותם, זייער פנימיות, איז דאס אן ענין פון "שוכן אתם", דער ענין פון אלקות, און דאס איז באופן פון שוכן, אז דער אויבערשטער געפינט זיך דארטן אזוי ווי אין א דירה, ווארום דער פנימיות פון א אידן, דער תוך, זיינען אלע ענינים בטהרה וואס דערפאר קען זיין דער ענין פון לחמנו הם, אז ער קען מברר זיין עניני העולם בפנימיות.

(חסר קצת) ביז מ׳קומט צו דעם קיום היעוד "כי אלקים יושיע ציון ויבנה ערי יהודה וגו׳ וזרע עבדיו ינחלוה ואוהבי שמו ישכנו בה", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

# משיחת ש״פ שלח תשל״ה

לב. ס'איז דאך רגיל צו מבאר זיין א פירוש רש"י פון די סדרה, אויך אן עניין אין ביאורי הזהר (לקוטי לוי"צ), און בשבתים אלו - לויט דעם מנהג וואס דער אלטער רבי ברייננגט בסידורו אז יש נוהגין לומר פרקי אבות בכל שבתוה הקיץ - אויך א משנה אין מס' אבות, וואס דער פרק וועלכן מען זאגט היינטיקן שבת איז פ"ג.

- איז בנוגע צו פירוש רש"י, וועט מען זיך אפשטעלן אויף קאפיטל י"ד פסוק ט' [ ואעפ"י אז "קאפיטעל" איז ניט קיין אידישער ווארט וכו' - זעט מען אבער, אז דער צ"צ נוצט בכ"מ, ובפרט אין זיינע רשימות, דעם לשון קאפיטעל ]. ואעפ"י אז בכמה שנים קודם (ע"פ שלח תשל"ל) האט מען שוין מבאר געווען די רש"י - זיינען אבער געבליבן כמה עניינים וועלכע זיינען ניט פארשטאנדיק, כדלקמן.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

לב. אין פסוק שטייט "אך בה׳ אל תמרדו ואתם אל תיראו את עם הארץ". איז רש"י מפרש (אין זיין ערשטן דיבור המתחיל אויף דעם פסוק): "אל תמרדו ושוב ואתם אל תיראו".

וואס דא זעהט מען דעם כלל, וועלכן מען האט גערעדט א סך מאל, אז לפעמים איז רש"י מעתיק כמה ווערטער פון פסוק, נאר צווישן די ווערטער פון פסוק איז ער מוסיף א ווארט (אדער עטליכע ווערטער) וואס שטייט ניט אין פסוק. אזוי ווי בנדו"ד, וואס אויך די ווערטער "ואתם אל תיראו" שטייען אין פסוק, נאר רש"י איז מוסיף (צווישן די ווערטער "אל תמרדו" מיט די ווערטער "ואתם אל תיראו") דעם ווארט "ושוב".

(נאר דער "בחור הזעצער" האט זיך ניט פאנאנדער געקליבן, און געדרוקט די ווערטער "ואתם אל תיראו" קליינע ווערטער, ווי די ווערטער פון פירוש רש"י).

וואס מיטן ווארט "ושוב", וועלכן רש"י איז מוסיף, מיינט ער צו מפרש זיין, אז "אל תמרדו" און "ואתם אל תיראו" זיינען ניט צוויי באזונדערע ענינים, נאר אז "ואתם אל תיראו" איז א תוצאה פון "אל תמרדו". אז בשעת "אל תמרדו" איז "ושוב ואתם אל תיראו".

איז ניט מובן: פון פשטות לשון הפסוק איז משמע אז "ואתם אל תיראו" איז אן ענין שונה פון "אל תמרדו" - פון וואנען נעמט רש"י צו לערנען "ושוב ואתם אל תיראו"?

האט מען דעמאלט (בשנת תש"ל) מבאר געווען: אין די פריערדיקע פסוקים (יג, ל) שטייט, אז כלב האט געזאגט "עלה נעלה וירשנו אותה, כי יכול נוכל לה". ווערט דאך די שאלה: וואס האבן יהושע וכלב מוסיף געווען מיט זייער זאגן "אל תיראו את עם הארץ" אויף "עלה נעלה גו׳" וואס כלב האט שוין פריער געזאגט? לערנט דעריבער רש"י, אז מיט "אל תיראו את עם הארץ" (וואס זיי האבן געזאגט איצטער) האבן זיי געמיינט - ניט נאר אז ס׳איז ניטא וואס צו מורא האבן פאר די "עם הארץ" אז מען וועט זיי ניט איינעמען, ווארום דאס אז מען וועט זיי קענען איינעמען ("יכול נוכל לה") האט שוין כלב פריער געזאגט. נאר אויך - אז ס׳איז ניטא כלל וואס צו מורא האבן פאר זיי, ד.ה. אז מען וועט ניט דארפן אפילו מלחמה האבן אנטקעגן זיי,

און דעריבער לערנט רש"י אז "אל תיראו" איז א תוצאה פון "אל תמרדו" - ווארום מען זעט דאך, אז לפועל בא כיבוש יהושע האט מען יע געדארפט טאן געוויסע פעולות צו כובש זיין יריחו. מען האט געדארפט בלאזן שופר, מקיף זיין יריחו שבע פעמים וכו׳. איז פארוואס האבן יהושע וכלב געזאגט "אל תיראו את עם הארץ" (אז מען דארף פאר זיי כלל ניט מורא האבן, אז מען דארף ניט אנקומען צו קיינע פעולות)? - דעריבער זאגט רש"י "ושוב ואתם אל תיראו". ד.ה. אז דאס וואס כיבוש יהושע איז געווען ע"י פעולה וכו׳ - איז עס מצד דערויף וואס איז געווען דער חטא המרגלים, ווען אבער עס וואלט געווען "אל תמרדו" איז דאן וואלט געווען טאקע "ואתם אל תיראו" (וכמבנ"ת בארוכה בשנת תש"ל).

דער תירוץ איז אבער ניט אויסגעהאלטן. ווייל (אפילו מען זאל זאגן, אז ווען ניט דער חטא המרגלים, וואלט דער כיבוש געווען באופן אחר, אז מען וואלט ניט געדארפט אנקומען צו די פעולות וועלכע זיינען געווען בכיבוש יריחו) דאס ליגט ניט אין די ווערטער "אל תיראו":

א) אויך בא כיבוש יריחו, איז ניט געווען קיין מורא פאר "עם

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

הארץ". ווארום בשעת מען גייט ניט מיט כלי נשק נאר מיט ארון ברית ה׳ און מען בלאזט בשופר וכו׳ – ווייזט עס, אז מען האט כלל קיין מורא ניט.

ב) אפילו ווען מען גייט אין א מלחמה מיט כלי נשק וכו׳ – איז אויך בנוגע צו אזא מלחמה שטייט בפירוש אין פסוק (שופטים כ, ג) "אתם קרבים היום <u>למלחמה</u> גו׳ (און אעפ"כ) <u>אל תיראו</u> גו׳ מפניהם".

איז אויב יהושע וכלב האבן געמיינט צו זאגן אז דורך דעם וואס "אל תמרדו" וועט מען אריינגיין אין ארץ-ישראל אן קיינע פעולות והשתדלות – האבן זיי געדארפט זאגן אן אנדער לשון, און <u>ניט</u> דעם לשון "אל תיראו" וואס איז שייך אפילו ווען "אתם קרבים היום למלחמה" ומכ"ש בכיבוש יריחו?

לד. דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "כי לחמנו הם" און איז מפרש: "נאכלם כלחם". איז אין דעם ניט מובן:

א) אויך אן פירוש רש"י איז פארשטאנדיק אז דאס וואס מען זאגט אויף די "עם הארץ" אז "לחמנו הם" איז עס בנוגע צו אכילה – איז וואס איז רש"י מחדש מיט זיין פירוש "<u>נאכלם</u> כלחם"?

ב) וואס איז דער דיוק פון "<u>לחמנו</u> הם" – "נאכלם <u>כלחם</u>" – וואס איז דער חילוק צי "נאכלם כלחם" אדער "נאכלם" ווי אן אנדער מאכל?

האט מען דעמולט (בשנת תש"ל) מבאר געווען, אז היות מיט "אל תיראו גו׳" מיינט ער (כנ"ל סעיף לג) אז מען וועט ניט דארפן האבן קיין טרחא דערביי – דערפאר זאגט ער "כי <u>לחמנו</u> הם – נאכלם <u>כלחם</u>", אז פונקט ווי לחם איז שוין א פארטיקע זאך (שאין צריך לאפי׳) און מען קען אים גלייך עסן, אזוי וועט זיין אויך דער כיבוש הארץ בלי שום טורח.

דער ביאור איז אבער ניט מספיק. ווארום אויך בא אנדערע מאכלים (ניט נאר לחם) איז פאראן ווי זיי זיינען שוין לאחרי שנגמרו כבר וראויים לאכילה [אזוי ווי בשר למשל, ווי ער איז שוין לאחרי הבישול], קומט דאך במילא אויס, אז דער דיוק דא איז "מאכל" (וואס "מאכל" מיינט א זאך וואס איז שוין ראוי לאכילה), איז וואס איז ער מדייק "<u>לחמנו</u> הם – נאכלם <u>כלחם</u>" דוקא?

נאכמער: אין די סדרה גופא (יג, כ) שטייט "והימים ימי בכורי ענבים" טייטשט רש"י "ימים שהענבים מתבשלין בבכור" – האט דאך אויך דא געקענט שטיין דער לשון "בכור", וכמ"ש (ישעי׳ כח, ד) כבכורה גו׳ בעודה בכפו יבלענה, אדער אן אנדער לשון ביו"ב. און וואס איז ער מדייק "לחמנו" דוקא?

לה. דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "סר צלם" און איז מפרש צוויי פירושים: איין פירוש – "מגנם וחזקם, כשרים שבהם מתו כו׳", און א צווייטן פירוש – "צלו של מקום סר מעליהם". איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז ניט מספיק אין ערשטן פירוש "מגנם וחזקם כו׳", וואס מען דארף אנקומען צו א צווייטן פירוש?

האט מען דעמולט (בשנת תש"ל) מבאר געווען: וויבאלד אז נאכן חטא המרגלים זיינען די "עם הארץ" פארבליבן אין א"י נאך דרייסיג יאר – מוז מען דאך זאגן, אז "צלם" האט זיך צוריק בעקערט צו זיי

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

(ווארום אלולי זאת, וואלטן זיי דאך ניט געקענט האבן קיין קיום בשעה אז "סר צלם"). ובמילא לויטן פירוש "כשרים שבהם מתו" ווערט די קשיא: ווי אזוי איז געקומען צוריק דער צל - ס'איז דאך ניט שייך צו זאגן, אז די כשרים שמתו זיינען צוריק לעבעדיק געווארן? דעריבער לערנט רש"י ( א צווייטן פירוש) "צלו של מקום סר מעליהם", וואס לויט דעם פירוש איז פארשטאנדיק, אז אויך נאך דעם ווי "צלו של מקום סר מעליהם" איז שייך ער זאל צוריק קומען צו זיי.

דער ביאור איז אבער ניט מספיק. ווייל אויך לויטן פירוש "כשרים שבהם מתו" קען מען זאגן, אז צווישן די וואס זיינען געווארן דעמולט מחוייב במצות - זיינען געווען "כשרים". איז סאקע פריער "סר צלם מעליהם" - ווארום די כשרים שבהם (וועלכע זיינען געווען פון פריער) מתו, און קיין אנדערע זיינען נאך ניט אויסגעוואקסן, אבער לאחרי זה זיינען געווארן נייע כשרים. בלייבט דאך די שאלה: צוליב וואס דארף רש"י אנקומען צו א צווייטן פירוש?

לח. דער ביאור אין פירוש רש"י:

רש"י׳ס הכרח צו לערנען אז "ואתם אל תיראו" איז א תוצאה פון "אל תמרדו", און ניט קיין ענין בפני עצמו:

פריער ווערט דערציילט, אז די מרגלים האבן גע׳טענה׳ט "עז העם היושב בארץ" (יג, כח), און אז "וכל העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות וגו׳ ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם" (יג, לב-לג). [דאפש"י שמסתבר לומר אז אויך די מרגלים, וויבאלד זיי זיינען געווען נשיאים, זיינען זיי מסתמא געווען בעלי קומה, אעפ"כ איז לגבי די בני ענק זיינען זיי געווען "כחגבים"]. און יהושע וכלב האבן ניט מכחיש געווען את הנ"ל. ווערט דאך במילא די שאלה: ווי אזוי האבן יהושע וכלב געזאגט "אל תיראו את עם הארץ" ניט זאגנדיק דערביי קיין טעם פארוואס "אל תיראו"?

די קשיא איז נאך שטארקער: בשעת "וישכימו בבוקר" און געזאגט "הננו ועלינו גו׳" (יד, מ) האט זיי משה געזאגט "ולא תנגפו וגו׳ כי העמלקי והכנעני גו׳" (שם, מב-ג). הייסט עס דאך אז אפילו משה רבינו האט געזאגט, אז ס׳איז יע דא וואס צו מורא האבן - איז פארוואס האבן יהושע וכלב געזאגט "אל תיראו גו׳"?

אויך דארף מען פארשטיין: מיט די ווערטער "בה׳ אל תמרדו" האבן זיי דאך געמיינט צו זאגן אז מען זאל מקיים זיין דעם אויבערשטנס ציווי צו גיין קיין ארץ-ישראל - האבן זיי דאך לכאורה געדארפט ריידן וועגן דעם ענין פרטי אז מען זאל גיין קיין ארץ-ישראל. וואס איז דער לשון "בה׳ אל תמרדו"?

איז די אלע קשיות באווארנט רש"י מיט זיין פירוש "אל תמרדו ושוב ואתם אל תיראו", אז דער "אל תיראו" איז א תוצאה פון "אל תמרדו". ד.ה. אז הגם אמת אז וויבאלד "עז העם היושב בארץ" איז (עפ"י טבע) דארף מען מורא האבן פאר זיי, פונדעסטוועגן: בשעה אז "אל תמרדו", מען וועט טאן וואס דער אויבערשטער הייסט, איז דעמולט (אויך עפ"י טבע) "אל תיראו", ווארום בשעת אז מען איז גייט בכחו של הקב"ה, האט דאך ניט קיין ארט (אפילו עפ"י טבע) צו מורא האבן פאר א גרויסן גוי.

און דערפאר האבן יהושע וכלב געזאגט "בה׳ אל תמרדו" - און ניט געזאגט סתם אז מען זאל גיין קיין א"י - ווייל דאס (בה׳ אל תמרדו) איז דער טעם אויף אל תיראו.

לט. בשעה מען הויבט אן צו טענה׳ן אז מען קען ניט אוועקגעבן א"י מצד דערויף וואס מען האט ניט קיין אנדער ארט וואו צו זיין, אדער אנדערע טענות כיו"ב - פון דעם ווערט דער גוי ניט נתפעל. בשעת אבער דער צוגאנג איז "בה׳ אל תמרדו" - מען ווייס אז ארץ-ישראל האט אונז געגעבן דער אויבערשטער, ווי רש"י זאגט בתחילת פירושו עה"ת "נתנה לנו", און וויבאלד אז דער אויבערשטער האט עס אונז געגעבן, האט קיינער ניט קיין רשות אוועקצוגעבן א חלק פון די מחנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן. איז בשעה אז "בה׳ אל תמרודו", מען גיט ניט אפ קיין חלק פון א"י מצד דעם וואס דער אויבערשטער האט עס אונז געגעבן און "בה׳ אל תמרדו" - דאן איז במילא "ואתם אל תיראו", ס׳איז ניטא וואס צו מורא האבן פאר זיי, אפילו עפ"י טבע.

און בשעת אז מען גייט מיט א תוקף און "אל תיראו" - דאן וועט דער גוי מלכתחילה ניט וועלן אנשרעקן. ווי מען זעהט עס בטבע, אז

הנחה הח׳ בלתי מוגה

בשעת דער וואס וויל אנשרעקן ווייס אז יענער האט קיין מורא ניט – וועט ער אים לכתחילה ניט גיין אנשרעקן, ווארום ער ווייס אז אים וועט עס ניט העלפן. ובמילא איז אויב נאר עס וועט זיין דער "אל תיראו" – איז "ושכבתם ואין מחריד", עס וועט גאר ניט זיין קיין "מחריד" וואס וועט וועלן מטיל חרדה זיין.

דאס איז אבער דוקא ווען דער "אל תיראו" איז א תוצאה פון "בה׳ אל תמרדו". בשעת אז דער "אל תיראו" איז מצד "כחי ועוצם ידי", מצד כלי נשק וכיו"ב – דאן קען דער גוי טראכטן, אז ער האט מער כלי נשק, מער בכמות אדער מער באיכות. בשעת אבער אז דער "אל תיראו" איז מצד דערויף וואס מען גייט בכחו של הקב"ה – איז בשעת אז "אלה ברכב ואלה בסוסים" און "ואנחנו בשם ה׳ אלקינו", דאן ווייס אויך דער גוי אז מיט כחו של הקב"ה קען ער זיך ניט פארמעסטן.

ווארום אויך גוים זיינען דאך "קרו לי׳ אלקא דאלקיא" (סוף מס׳ מנחות), במילא ווייס אויך דער גוי אז מיטן אויבערשטן קען ער זיך ניט פארמעסטן.

וכמבואר בכ"מ, אז פון שם אלקים ווייסן אויך גוים, וכמ"ש האלקים יענה את שלום פרעה. און דאס וואס פרעה האט גע׳טענה׳ט "לא ידעתי את הוי׳" – איז עס בנוגע צו הוי׳ דוקא. ווארום הוי׳ איז (ווי גערעדט אין מאמר) הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, ד.ה. אז אעפ"י אז ס׳איז "הי׳ הוה ויהי׳" – עבר הוה און עתיד – פונדעסטוועגן איז עס "כאחד". איז אזא זאך קען א גוי ניט פארשטיין, ווארום, ממה נפשך, טענה׳ט ער: איז עס למעלה מהזמן – איז דאן ניטא קיין עבר הוה ועתיד; און אויב ס׳איז "הי׳ הוה ויהי׳" (גדרי הזמן) – איז עס ניט כאחד (לפי דעתם).

און אויף דעם האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן צו פרעה׳ן (דורך משה׳ן) "למען תדע כי אני <u>הוי׳</u> בקרב הארץ" (וארא ח, יח), אז הגם אין דעם ענין פון הוי׳ גופא האט פרעה קיין ידיעה ניט – בשעת אבער ער זעט די ענינים וועלכע קומען פון שם הוי׳, ווי רש"י זאגט דאדט "אעפ"י ששכינתי בשמים גזירתי מתקיימת בתחתונים", איז מצד דערויף וואס ער זעט ווי "גזירתי מתקיימת", מוז ער מודה זיין "כי אני הוי׳ גו׳".

וואס דאס אלץ איז בנוגע צו הוי׳. משא"כ בנוגע צו אלקים, איז באמור לעיל אויך אוה"ע קרו לי׳ אלקא דאלקיא. און בשעת בא אן אידן איז נאר דא דער "אל היראו" מצד דערויף וואס ער גייט בשליחותו של הקב"ה, פועל׳ט עס אויך אויפן גוי, כנ"ל.

ט. דערנאך איז ער ממשיך אין פסוק "כי לחמנו הם". איז רש"י מפרש: "נאכלם כלחם". וכוונתו בזה:

לולי פירוש רש"י – וואלט מען געקענט מיינען, אז דער פירוש פון "לחמנו הם" איז, אז די כניסה לא"י איז נויטיק און מוכרח אזוי ווי לחם. אבער – לפי"ז וואלט געווען שווער: מען זעט דאך אז ניין און דרייסיק יאר זיינען זיי געווען אין א"י? דעריבער זאגט רש"י "<u>נאכלם</u> כלחם", אז דער פארגלייך צו לחם איז (ניט בענין הנחיצות וההכרחיות, וכיו"ב, נאר) בנוגע <u>לאופן האכילה</u>.

און אין וואס באשטייט די מעלה פון לחם (לגבי אנדערע מאכלים) – דארף רש"י ניט אויסטייטשן, ווײַלע דער "בן חמש למקרא" האט עס שוין געלערנט פריער: אין פרשת בשלח (טז, ז) זאגט רש"י, אז לחם – וויבאלד אז "שאלו כהוגן", וועט דער אויבערשטער געבן "דרך חבה" און "בפנים

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

מאירוה". איז בשעת אז דער בן חמש למקרא קומט צום פסוק "כי לחמנו הם", און לערנט אין רש"י אז דאס מיינט "נאכלם כלחם" - פארשטייט ער שוין (און רש"י דארף עס אים ניט אויסטייטשן) אז דער אויבערשטער וועט געבן צו אידן דעם ענין פון כיבוש (אכילת) האומות אין אן אופן של "סבר פנים יפות", אין דעם אופן ווי ער ביט זיי לחם.

ומ"ש "כי לחמנו הם" (וגם רש"י בפירושו מעתיק גם תיבת "כי") שזהו נתינת טעם על "אל תיראו גו'" - הכוונה בזה, כי ב"אל תיראו" נכלל גם שלא יידאו מהעדר ספ"י דלמעלה וכיו"ב. (ולהעיר מהניא ספכ"ט בנדו"ד).

מא. בנוגע צו די צוויי פירושים פון רש"י אין "סר צלם" *) - איז די מעלה וואס איז דא אין צווייטן פירוש אויפן ערשטן, איז עס מובן פון לשון רש"י גופא: אין צווייטן פירוש זאגט רש"י "צלו של מקום סר מעליהם" משא"כ בתחילת הדיבור, ווען ער איז מעתיק די ווערטער פון פסוק (וואס דאס איז שייך אויך לפירושו הראשון), איז ער מעתיק נאר די ווערטער "סר צלם", אבער ניט דעם ווארט "מעליהם". והביאור בזה:

דער לשון "סר" - ובפרט דער לשון "סר מעליהם" - ווייזט, אז די זאך וועלכע איז "סר" איז דא במציאות אויך שפעטער, עס איז מער ניט וואס ער איז אוועק פון דעם ארט ("מעליהם") און געפינט זיך איצט אין א צווייטן ארט.

און דאס איז די מעלה אין צווייטן פירוש לגבי דעם ערשטן פירוש: לויטן פירוש "כשרים שבהם מתו" - קומט דאך אויס, אז דער "צל" איז איצטער לגמרי ניטא, ובמילא פאסט דאך ניט דער לשון "סר", און מכ"ש דער לשון "סר מעליהם". דעריבער לערנט רש"י א צווייטן פירוש, אז "צלם" מיינט "צלו של מקום", ווייל'ע דוקא לויט דעם פירוש איז גלאטיק דער לשון "סר" און אויך "סר מעליהם": "צלו של מקום" איז אלע מאל דא - ס'איז דאך "ורחמיו על כל מעשיו". ס'איז מער ניט וואס "סר מעליהם".

אבער אויך לויטן ערשטן פירוש קען מען מפרש זיין (בדוחק) דעם לשון "סר מעליהם" (אעפ"י אז לפי פירוש זה איז "צלם" לגמרי ניטא במציאות): יהושע וכלב מיט זייער זאגן "סר צלם" (כשרים שבהם מתו) זיינען דאך געווען אויסן צו ריידן ניט וועגן "צלם" (וועגן די כשרים שבהם) נאר וועגן דעם "עם הארץ" אויף וועמען די כשרים זיינען מגין, אז וויבאלד ס'איז שוין ניטא "צלם" ווער זאל מגין זיין אויף זיי, דעריבער איז "אל תיראו את עם הארץ".

און דעריבער האבן זיי געזאגט דעם לשון "סר צלם מעליהם" (אעפ"י אז "צלם" איז ניט בלויז "סר" נאר "מתו") - ווייל'ע דא איז דאך נוגע (ניט וואס עס טוט זיך מיט "צלם", נאר) וואס עס טוט זיך מיט "עם הארץ", און דערפאר האבן זיי געזאגט "סר צלם מעליהם", אז ס'איז ניטא וואס צו מורא האבן פאר זיי, ווייל פון זיי האט זיך שוין אפגעטאן דער "צל".

---

*) ומ"ש "כי סר צלם גו'" - אף שאי"ז נוגע להענין ד"לחמנו הם" - כי ההמשך ד"סר צלם גו'" הוא להעיקר (ולא להטעם ד"לחמנו הם").

כוונת סיום הכתוב "וה' אתנו אל תיראום" היא: "וה' אתנו" - היפך דסר מעליהם, ולכן - תכלית השלימות ב"אל תיראום".

הנחה הת' בלתי מוגה

נאר היוה אז דאס איז א דוחק - ברייינגט רש"י אויך א צווייטן פירוש. אבער אויך דער פירוש "מגנם וחזקם כו׳" האט אן ארט.

ואדרבה: פון פשטות הכתובים, איז מסתבר יותר דער פירוש. ווארום וויבאלד אז די גאנצע צייט רעדט מען דא וועגן די אומות, איז מסתבר צו זאגן אז מיטן ווארט "צלם" מיינט מען זייער מגן און חוזק (און ניט "צלו של מקום"). און דערפאר איז דער פירוש "מגנם וחזקם כו׳" איז דער פירוש הראשון והעיקרי.

ס׳איז דאך דא אויך ענינים מופלאים אין פירש"י - איז די צוויי פירושים זיינען תלוי אין א פלוגתא פון רמב"ם וראב"ד, כמשי"ת לקמן.

מד. (בהמשך להפסוק שהובא בפרקי אבות שם "אז נדברו יראי ה' גו'", אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א): און ווען זעט מען אז דאס ריידן יראי ה' - בשעת זיי ריידן דבר ה' זו הלכה. בשעת אבער מען פארבויגט ח"ו אויף דבר ה' זו הלכה - אפילו ווען עס רעדט זיך בלויז וועגן איין הלכה - פעלט דאן (ניט נאר איין פרט, נאר עס פעלט) אין שלימות התורה בכלל.

וכפסק הרמב"ם (הל' תשובה פ"ג ה"ח) אז ווען איינער זאגט אויף איין ווארט פון תושב"כ, אדער אויף איין פירוש פון תושבע"פ, אז דאס איז געזאגט געווארן ניט פון אויבערשטן, איז אפילו ווען ער איז מודה אז דאס איז אמת ער זאגט אבער אז ס'איז ניט מן השמים - איז ער "כופר בתורה". ער איז כופר ניט נאר אין דעם איינציקן ווארט אדער אין דעם איינציקן פירוש, נאר ער איז כופר אין גאנץ תורה.

און וויבאלד אז אין אומתינו אומה אלא בתורתה כמ"ש הרס"ג (אמונות ודעות מ"ג רפ"ז), איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעה עס פעלט אין שלימות התורה (דורך פארבויגן אויף הלכה), פעלט עס אויך אין שלימות העם, און אויך אין שלימות הארץ.

און בשעת מען גיט ארויס א צעטל באותיות מרובעים צו אזא וואס נתגייר שלא כהלכה אז ער איז א יהודי - בשעת אז אין אמת'ן איז ער פארבליבן א גוי - איז ניט נאר וואס דורך דעם איז מען מונע פון אים צו ווערן אן אמת'ער גר, וואס אמת'ע גרים זיינען מדקדק נאך יותר מישראל וכבדלקמן (סעיף מח), נאר מען מאכט פון אים א תקלה פאר גאנץ כלל ישראל.

וואלט מען אים ניט ארויסגעגעבן דעם צעטל - איז (אפילו אויב ער וואלט זיך ניט מגייר געווען) וואלט ער געבליבן פון די חסידי אוה"ע, און אפילו ווען ער איז ניט פון די חסידים שבהם - וואלט ער עכ"פ געבליבן סתם א גוי וואס איז ניט אהער און ניט אהין; דורך דעם אבער וואס מען גיט אים ארויס א צעטל אז ער איז א יהודי - מאכט מען פון אים א תקלה ומזיק פאר גאנץ כלל ישראל.

מה. וויבאלד אז כל זמן ער איז זיך ניט מגייר כהלכה איז ער ניט קיין גר נאר א גוי - איז ער דאך אויסגעטיילט בתכלית פון אידן, המבדיל בין ישראל לעמים.

און וויבאלד אז בראשיה בשביל ישראל שנק' ראשית - קומט דאך אויס, אז אידן זיינען א מציאות עיקרי, משא"כ אלע אנדערע נבראים, כולל אויך דעם מין המדבר, זיינען א מציאות טפילה, וואס זיינען באשאפן געווארן צוליב אידן.

און דא ווערט די שאלה: צי דער פשט איז אז אויך גוים זיינען א מציאות, ס'איז מער ניט וואס זיי זיינען א מציאות טפילה. אדער זיי זיינען בכלל קיין מציאות ניט. און אין דעם איז דא א פלוגתא צווישן דעם רמב"ם מיט ראב"ד, כבדלקמן.

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

מו. דער רמב"ם אין הלכות אבות הטומאות פ"ב זאגט: "שחיטת עכו"ם נבילה ומטמאה במשא..אחד העכו"ם ואחד הכותי או גר תושב שחיטתן נבילה. וקרוב בעיני שאף זה מדברי סופרים, שהרי טומאת ע"ז וטומאת תקרובתה מדבריהם". און דער ראב"ד קריגט אויפן רמב"ם מיט זייער שארפע ווערטער, און זאגט: "עכו"ם הם כבהמות ואין מטמאין ואין מיטמאין עם הדומה לחמור..והחושב אותם לכלום אסף רוח בחפניו".

פרעגט דער כס"מ אויפן ראב"ד: וואס איז דא נוגע אז "עכו"ם אין מטמאין ואין מיטמאין" – דא רעדט מען דאך נישט וועגן די גוים (צי זיי זיינען מטמאין אדער ניט), רא רעדט מען וועגן זייער שחיטה?

איז מבאר אין דעם דער ראגאטשאווער אין חומש, אין די הפטרה פון פ׳ בהר (ע׳ רמו. ועד"ז במקומות שנסמנו במפענח צפונות ע׳ קנא), אז די טענה פון ראב"ד איז: ווען איז שייך צו זאגן, אז די שחיטה פון א גוי זאל מקלקל זיין און מאכן פאר א נבילה – איז עס דוקא אויב ער איז בגדר "מציאוה"; בשעת אבער ער איז בגדר "העדר" – איז ניט שייך צו זאגן אז ער זאל קאליע מאכן. און דאס טענה׳ט דער ראב"ד: וויבאלד אז עכו"ם זיינען כבהמות אין מטמאין ואין מיטמאין, זיי זיינען "רוח", "העדר" – איז ניט שייך צו זאגן, אז זייער שחיטה זאל מקלקל זיין און מאכן פאר נבילה (און דעריבער לערנט דער ראב"ד, אז דאס וואס שחיטת עכו"ם נבילה איז עס ניט ווײַלע דער עכו"ם איז מקלקל, נאר ווײַלע שחיטת עכו"ם איז קיין שחיטה ניט, ובמילא איז עס נבילה, כבהמה שמתה מאלי׳).

פארוואס זאגט דער ראב"ר "אין מטמאין ואין מיטמאין", דלכאורה: לפי ביאור הנ"ל (של הרגצובי) איז ראך דא נוגע נאר דאס אז זיי זיינען "העדר", אבער למאי נפ"מ אז "אין מטמאין כו׳"? – איז דער ראגטשאווער דאס ניט מבאר. והביאור בזה:

לכולי עלמא – גם לדעת הראב"ד – זיינען דא כו"כ ענינים אין הלכה, וואס בנוגע צו זיי – זיינען גוים יע בגדר "מציאות". אזוי ווי ע"ז פון א גוי וואס איז אסור בהנאה אויך צו אן אידן, יין נסך, ועוד. דעריבער קען דער ראב"ר ניט משיג זיין על דינו של הרמב"ם מיט די טענה "עכו"ם הם כבהמות" אליין – ווארום עס קען דאך זיין, אז בנוגע צו דעם ענין פון שחיטת עכו"ם זיינען זיי יע א "מציאות"; און דעריבער איז דער ראב"ד מוסיף "אין מטמאין ואין מיטמאין", שכוונתו בזה: אז בנוגע לענין הטומאה זיינען זיי "כבהמות" און בגדר "העדר" (אסף רוח בחפניו) – און במילא, קען מען דאך ניט זאגן אז זיי זאלן פועל׳ן אן ענין בנוגע טומאה, אז די בהמה ששחטו זאל מטמא זיין במשא.

מז. ויש לומר, אז די צוויי פירושים אין רש"י (ד"ה סר צלם) – צי "צלם" מיינט "מגנם וחזקם", אדער "צלו של מקום" – זיינען תלוי אין פלוגתת הרמב"ם והראב"ד, והביאור בזה:

דער פירוש פון "<u>צלו</u> של מקום" איז – אז די פעולות האדם טועהן אויף א געוויסן ענין למעלה שבדוגמת הפעולה. ועפ"ר פירוש הבעש"ט עה"פ הוי׳ צלך, אז די ענינים וואס דער איד טוט, טועהן זיך אויף די זעלבע ענינים למעלה – בדוגמת צל האדם, וואס לפי אופן התנועות וכו׳ שבאדם נעשה דוגמתם ממש בהצל – <u>עד"ז</u> איז אויך בנוגע צו "צלו של מקום" בא אוה"ע, אז זייערע פעולות טועהן אויף א געוויסן ענין למעלה. ד.ה. אז בשעה זיי טועהן א פעולה טובה (שמקיימים ז׳ המצות שלהם) ווערט א נח"ר למעלה און מצד דעדויף <u>גיט</u> מען זיי שכר; און בשעת זיי זיינען עובר אן עבירה – ווערט למעלה היפך ענין הנח"ר, און מצד דעדויף <u>גיט</u> מען זיי אן עונש.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז שייך דוקא לדעת הרמב"ם אז אוה"ע זיינען בגדר "מציאות", און (בלשון הרגצובי בצפע"נ שם) "גם הם הוה גדר השגח"פ". משא"כ לדעת הראב"ד אז זיי זיינען בגדר "העדר" - איז ניט שייך צו זאגן, אז זייערע א פעולה זאל אויפטאן עפעס אן ענין למעלה, וויבאלד זיי זיינען גדר "העדר". וכמ"ש הרגצובי בצפע"נ שם, שלשיטת הראב"ד שהם בגדר "העדר" - זיינען זיי ניט בגדר השגחה פרטית *) (היינו: שהשגחה עליהם היא בדוגמת ההשגחה שבדצ"ח).

וענין השכר ועונש לאוה"ע (לפי שיטה זו) הוא רק תוצאה המסובבת בדרך ממילא (ובדרך טפל) מתכלית בריאתם שנבראו בשביל ישראל (ובדוגמה ואת הבהמה תהרוגו "מפני שבאה לאדם תקלה על ידה" (רש"י קדושים יט, טו), שאין זה בגדר עונש, כי אם: דמכיון שכל תכלית בריאת הבהמה היא בכדי לשמש להאדם, הרי כאשר הבהמה (לא רק שאינה משמשת, אלא אדרבה) "באה לאדם תקלה על ידה" - אין טעם לקיומה, ולכן "תהרוגו". וכמו"כ הוא גם בנוגע להעונש דאוה"ע **). ועד"ז הוא בנוגע להשכר שלהם).

און אין דעם באשטייט דער חילוק (בפנימיות הענינים, וע"ד ההלכה) צווישן די ביידע פירושים פון רש"י:

דער ערשטער פירוש פון רש"י האלט כשיטת הראב"ד, אז ב"נ זיינען בגדר "העדר", און דער שכר ועונש שבהם איז נאר אן ענין הבא כהוצאה בדרך ממילא, כנ"ל. און דעריבער לערנט ער אז דער פירוש פון "צלם" איז ניט "צלו של מקום" נאר "מגנם וחזקם". ד.ה. אז הגם אז דורך די "כשרים שבהם" ווערט טאקע אין זיי א חוזק - איז דאס אבער ניט קיין ענין וואס זיי טועהן עפעס אויף למעלה, ס'איז מער ניט ווי א חוזק הבא ממילא בדרך טפל ע"י שנשלם כוונת בריאתם, ע"י הכשרים שבהם.

משא"כ דער צווייטער פירוש פון רש"י האלט כשיטת הרמב"ם אז זיי זיינען בגדר "מציאות" ויש בהם "גדר השגח"פ". דהגם שכל מציאותם, וגם ז' המצוות שלהם, היא רק דבר טפל שבשביל ישראל (כמבואר בלקו"ש כרך ה' ע' 159 ואילך), אעפ"כ: מכיון שנצטוו בז' מצות, ובפרט שז' המצות שלהם הוא "שצוה בהן הקב"ה בתורה והודיענו ע"י משה רבינו כו'" (רמב"ם הל' מלכים ספ"ח), לכן: ע"י שמקיימים מה שצוה אותם הקב"ה, הם (כאילו) פועלים איזה ענין למעלה, ושייך לומר בהם "צלו של מקום".

מח. וואס איז נוגע צו ריידן וועגן די מעלה פון אוה"ע אז (לשיטת הרמב"ם) זיינען זיי בגדר "מציאות" ושייך בהם הענין ד"צלו של מקום"? ובפרט נאך אז מען געפינט זיך איצטער אין שבת, אין דעם זמן פון "רעוא דרעוין"?

איז דער ביאור בזה ע"פ מחז"ל (פסחים פז, ב) לא גלו ישראל לבין האומות אלא בכדי שיתוספו עליהם גרים. וואס אין דעם ענין פון גרים איז נאך דא א מעלה - שמדקדקין במצות יותר מישראל (תוד"ה קשין, קדושין עא,א).

---

*) ואף שגם לשיטת הראב"ד הם בגדר "מציאות" בנוגע לכו"כ דינים (כנ"ל סמ"ו) - הענין דהשגחה נוגע אם הם בגדר מציאות לענין טומאה וטהרה. והטעם לזה י"ל מפני שכל ענין הטו"ט נתחדש במ"ת ביחד עם ביטול הגזירה כו' שאז השגחת העליון (דחד הוא עם העליון - כמבואר בתניא - ) תוכל לרדת למטה.

**) ועפ"ז יומתק גם מה שעונש ב"נ הוא שוה בכל חטא (מיתה) ולא כ"צל".

הנחת הת' בלתי מוגה

וידוע וואס שטייט אין חסידות (תו"א ו, א. ובב"מ) אז דער פירוש פון "כדי שיתוספו עליהם גרים" איז נים גרים כפשוטו - ווארום דער מספר פון גרים איז א מספר מועט. איז דאך ניט שייך צו זאגן אז זעכצן מיליאן אידן זאלן זיך געפינען אין גלות בכדי עס זאל צוקומען עטליכע גרים. נאר דער פירוש פון "גרים" איז - די ניצוצות הקדושה וועלכע אידן זיינען מברר בזמן הגלות. וגם בזה יש הענין דמעלת הגרים שמדקדקין במצות יותר מישראל - ווייל די ניצוצות הקדושה וועלכע זיינען געפאלן למטה ביותר ונמצאים תחת ממשלת הע"ש - זיינען ניצוצות נעלות ביותר, און דורך דערויף וואס אידן זיינען מברר די ניצוצות בזמן הגלות - קומט צו א תוספות עילוי כו׳.

ובנוגע לענין זה איז נוגע צו מבאר זיין ענין הנ"ל שגם אוה"ע הם בגדר מציאות (לפי שיטה אחת), ווייל דאס איז נוגע להענין דבירור הניצוצות (חסר קצת),

וואס מען דארף האבן די גוים אז זיי זאלן מגין זיין אויף אידן, און אויסנוצן זייערע געלט אויף ענינים פון אידישקייט,

אז עס זאל זיין געלט בהרחבה און נוצן דאס אויף קיום המצות, אנהייבנדיק פון די חמשה ענינים כללים: מבצע תורה, מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה און מבצע בית מלא ספרים,

ביז צו דעם ענין הכי כללי: מבצע נרות שבת קודש, וואס באלייכט דעם חשך כו׳, ביז עס וועט זיין "ולילה כיום יאיר", בביאת משיח צדקנו ובעגלא דידן.

(אחר תפלת המנחה התחיל לנגן ניעט ניעט ניע קאווא).

* * *

הנחה הת׳ בלתי מוגה